גליון יג׳ שנה א׳

פרשת נשא א׳
תשפ״ו

# בחור'ן

חיזוק, עצה און הדרכה פאר די ימי הבחרות

## בריוו פון דער ראש ישיבה

### שאלה: וויפיל זאל איך לערנען?

לכבוד דער ראש ישיבה שליט״א,

יישר כח פאר אייערע הערליכע דרשות. איך בין זיך ממש מחי׳ מיט׳ן סדר דרך הלימוד, און איך קום אן זייער אסאך ברוך ה׳.

ווען איך האב אבער געזען דעם בריוו וואס איר שרייבט פאר איינעם אז מוהרא״ש ז״ע האט אוועקגעשטעלט פופצן שיעורים צו לערנען איז מיר שווארץ געווארן. איך לערן יעדן טאג ברוך ה׳ חומש און משניות און גמרא מיט נאך עטליכע שיעורים, אבער איך זע נישט קיין שום וועג איך זאל אניאגן צו לערנען יעדן טאג אזוי סאך ווי איר שרייבט. איז דא א וועג ביי דעם אויך צו זיין פרייליך און צופרידן מיט די ביסל וואס מען האט? אדער ביי לימוד התורה דארף מען זיך איבעררייסן און קיינמאל נישט זיין צופרידן?

יישר כח.

### תשובה

לכבוד ... יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

#### אביסל איז אויך גוט

דער הייליגער רבי נתן האט דערציילט: ״ווען איך בין געקומען צום רבי׳ן האב איך געהערט נייע ווערטער, וואס די ווערטער, די שכל - האט מיר געמאכט לערנען זייער פלייסיג; איך האב געהערט פון רבי׳ן ׳**מעט גם כן טוב**׳, אביסל איז אויך גוט; די ווערטער - דאס האט מיר געמאכט איך זאל לערנען זייער פלייסיג״.

#### תורה איז צוגעגליכן צו א פייגן בוים

די הייליגע חכמים זאגן אונז (במדבר רבה יב, ט) אויפ׳ן פסוק (משלי כז, יח): ״**נֹצֵר תְּאֵנָה יֹאכַל פִּרְיָהּ וְגוֹ׳**״, דער וואס היט די פייגנבוים - דער עסט אירע פרוכט, ״**לָמָּה נִמְשְׁלָה תוֹרָה כַּתְּאֵנָה**״, פארוואס איז די תורה צוגעגליכן צו א פייגן בוים? ״**שֶׁרֹב הָאִילָנוֹת: הַזַּיִת, הַגֶּפֶן, הַתְּמָרָה, נִלְקָטִים כְּאֶחָת**״, ווייל אנדערע ביימער, דער איילבירט בוים, דער טרויבן בוים און די טייטלבוים - ווערן אירע פרוכט געצייטיגט אין איין צייט, מען קען זיי אלע אראפנעמען אויף איין מאל, ״**וְהַתְּאֵנָה נִלְקֶטֶת מְעַט מְעָט**״, אנדערש איז די פייגנבוים, זי ווערט נישט געצייטיגט אין איין צייט. ״**וְכָךְ הַתּוֹרָה**״, אזוי איז די תורה, מען לערנט יעדן טאג אביסל, ״**הַיּוֹם לוֹמֵד מְעַט וּלְמָחָר הַרְבֵּה, לְפִי שֶׁאֵינָהּ מִתְלַמֶּדֶת לֹא בְּשָׁנָה וְלֹא בִּשְׁתַּיִם**״, היינט אביסל, מארגן אביסל - ביז מען איז זוכה אנצוקומען צו די גאנצע תורה, ״**עָלָיו נֶאֱמַר, נֹצֵר תְּאֵנָה**״, מען קען נישט ענדיגן די תורה אין א קורצע צייט.

#### נאך אביסל תורה יעדן טאג

דאס האט רבי נתן געזאגט: ״**איך האב געלערנט פון רבי׳ן אז אביסל איז אויך גוט**, איך האב געלערנט פון רבי׳ן צו לערנען אביסעלע מיט אביסעלע, אזוי איז מיין גאנצע טאג אנגעפילט מיט תורה״; אזוי זאלסטו טון, לערן אביסעלע יעדן טאג - וועסטו אנקומען צו לערנען און ענדיגן די גאנצע תורה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## התחזקות פון דער ראש ישיבה שליט"א

לכבוד ... נרו יאיר

יעצט קומט דער הייליגער יום טוב שבועות, מיר גייען נאכאמאל מקבל זיין די תורה.

ווער עס לערנט תורה - נעמט זיך די תורה אן פאר אים, די תורה היט אים און עס היט זיינע קינדער. אזוי ווי די הייליגע חכמים דערציילן (חגיגה טו:) עס איז אמאל געווען א הונגער יאר, עס איז נישט געווען וואס צו עסן, און די טאכטער פון אַחֵר איז געקומען צו רבינו הקדוש, זי האט אים געבעטן: "**רַבִּי, פַּרְנְסֵנִי**", רבי געבט מיר עפעס עסן, האט רבינו הקדוש איר געפרעגט: "**בַּת מִי אַתְּ**", וועמענס טאכטער ביסטו? האט זי געענטפערט: "**בִּתּוֹ שֶׁל אַחֵר אֲנִי**", איך בין א טאכטער פון אַחֵר, האט רבינו הקדוש געזאגט מיט ווואונדער: "**עֲדַיִן יֵשׁ מִזַּרְעוֹ בָּעוֹלָם**", ער האט נאך קינדער דא אויף די וועלט? עס שטייט דאך (איוב יח, יט): "**לֹא נִין לוֹ וְלֹא נֶכֶד בְּעַמּוֹ וְאֵין שָׂרִיד בִּמְגוּרָיו**", עס וועט נישט בלייבן קיין קינדער און אייניקלעך פון א רשע, האט זי געבעטן: "**זְכֹר לְתוֹרָתוֹ וְאַל תִּזְכֹּר מַעֲשָׂיו**", איך בעט דעם רבי'ן זאל געדענקען די תורה וואס ער האט געלערנט און נישט זיינע שלעכטע מעשים. ווען זי האט דאס ארויסגעזאגט איז אראפגעקומען א פייער פון הימל און פארברענט דאס בענקל פון רבינו הקדוש, זיך אנצונעמען פאר אים, האט רבינו הקדוש זייער געוויינט און געזאגט: "**וּמַה לַמִּתְגַּנִּין בָּהּ כָּךְ, לַמִּשְׁתַּבְּחִין בָּהּ עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה**", מה-דאך ווען א רשע לערנט תורה קומט די תורה און נעמט זיך אן פאר אים, איז דאך אודאי און אודאי ווען אן ערליכער איד וואס גלייבט אינעם אייבערשטן לערנט תורה - וועט זיך זיכער די תורה אננעמען פאר אים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## בין כותלי הישיבה

**...מיר גייען זוכה זיין נאכאמאל צו קבלת התורה. רבי נתן איז אמאל צוגעגאנגען צו פתיחת הארון אום שבועות און ער איז געווארן אזוי צעקאכט און פול מיט התרגשות, אז ער האט אנגעהויבן טאנצן 'עליונים ששון' מיט אזא שמחה, ביז דער עולם האט אנגעהויבן מיטצוטאנצן מיט אים און מען האט ממש געטאנצן הקפות פון גרויס פרייד.**

**...**

**... קבלת התורה איז צוגעגאנגען דורך משה רבינו, דורך דעם צדיק. דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר די אידן, דורך משה רבינו, ווייל אן משה רבינו און אן צדיקים איז נישטא קיין קבלת התורה; דארף מען זיך יעצט פונדאסניי באנייען צו צדיקים.**

**צו הערן די גאנצע שיעור:**

**212-444-9191 דערנאך: 1|2|1|11|2|24**

## קורץ און שארף

"זיך טובל'ן אין מקוה שבועות פארטאגס איז 'שער נ', חסד עליון ורחמים גדולים"

(לקוטי מוהר"ן חלק א' סימן נו, אות ז)

קול ברסלב - שיעורים | חיזוק יומי | ניגונים | שמועסן| מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191\ 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 | ענגלאנד 03303502361 | קאנאדא 4383008080 | בעלגיע 3235003461 | ארגענטינע 11552354370